**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/5/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**אויסשטעקן און שפיל: גאווערנאר האקול מעלדט ביז צו 100 מיליאן וועילעבל פאר מוניסיפאלע און נאן-פראפיט קאמיוניטי צענטערן**

***פינאנציעלע יאר 2026 ענעקטעד בודשעט רעכנט אריין 100 מיליאן דאלאר צו בויען פארוויילונג אינפערסטראקטשער פאר קאמיוניטיס, קינדער און עלטערער***

***פינאנצירונג יעצט וועילעבל פאר מוניסיפאלע און נאן-פראפיט קאמיוניטי צענטערן; גרענט אפליקאציעס מוזן אריינגעגעבן ווערן ביז PM 3:00 אויף אגוסט 15, 2025***

***אפענע אפליקאציע פראגע תקופה הויבט זיך אן יוני 5 ביז יוני 20, 2025; וועבינאר ווידיאו וועט ארויפגעלייגט ווערן אויף NYS OPRHP און DASNY NY BRICKS וועבזייטלעך אדרעסירנדיג פראגעס***

***'אויסשטעקן און שפיל' נעמט קינדער אראפ פון זייער טעלעפאנען דורך פינאנצירן שפיל ערטער, געמיינדע צענטערן, צוגענגליכע ספארטס פראגראמען און פארוויילונג געלעגענהייטן***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז עס איז דא צו באקומען פינאנצירונג פון די נייע 100 מיליאן דאלאר בויען פארוויילונג אינפערסטראקטשער פאר קאמיוניטיס, קינדער, און עלטערער ( Building Recreational Infrastructure for Communities, Kids and Seniors, BRICKS) קאפיטאל גרענט פראגראם. גאווערנער Hochul (האקול) האט פארזיכערט די פינאנצירונג אין די פינאנציעלע יאר 2026 ענעקטעד בודשעט צו שטיצן מוניסיפאליטעטן און נאן-פראפיט ארגענעזאציעס צו בויען אדער איבערמאכן קאמיוניטי צענטערן וואס טוען שטיצן פיזישע געזונטהייט, גייסטישע וואויל-זיין, און קאמיוניטי פארבינדונגען פאר יוגנט און עלטערע ערוואקסענער. NY BRICKS וועט צושטעלן גרענטס פון ביז צו 15 מיליאן דאלאר צו פינאנצירן פלאנירונג, בוי-ארבעט, פארעכטונגען, און לאנד-שאפונג פאר די צענטערן. פריאריטעט וועט געגעבן ווערן פאר פראיעקטן אין פארנאכלעזיגטע געגענטער, ווי אויך פאר די וואס שטעלן צו עפארדעבל סערוויסעס ווי טשיילדקעיר, עלטערע קעיר און מענטעל העלט קאונסעלינג. די פראגראם צילט צו מאכן טראנספארמאטיווע, הויכע-ווירקונג אינוועסטירונגען אין לאקאלע געמיינדעס. די מעלדונג בויעט אויף גאווערנאר Hochul'ס (האקול) 'אויסשטעקן און שפילן' איניציאטיוו אראפצונעמען קינדער פון זייערע פאונס דורך פינאנצירן שפיל ערטער, קאמיוניטי צענטערן, עפארדעבל ספארטס פראגראמען און פארוויילונג געלעגענהייטן.

"עס קומט זיך פאר יעדער ניו יארקער צו האבן א פארזיכערטע, באקוועמע ארט וואו צו וואקסן, זיך פארבינדן, און בליען," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "מיר אינוועסטירן אין די צוקונפט פון אונזער קאמיוניטיס — שאפנדיג לעבעדיגע צענטערן וואו קינדער קענען שפילן, עלטערער קענען בלייבן אקטיוו, און פאמיליעס קענען האבן צוטריט צו די שטיצע וואס זיי דארפן. דאס איז וועגן בויען מער ווי

בלויז אינפערסטראקשער — עס איז וועגן בויען געלעגנהייט, גלייכבארעכטיגונג, און וואויל-זיין אין יעדער ווינקל פון אונזער סטעיט."

אלס טייל פון גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פינאנציעלע יאר 2026 ענעקטעד בודשעט און סטעיט פון די סטעיט פארשלאגן, טוט NY BRICKS צושטעלן גרענטס פון צווישן 250,000 דאלאר און 15 מיליאן דאלאר צו קויפן, פלאנירן, איופבויען אדער איבערבויען איינריכטונגען, צושטעלן גרויסע פארעכטונגען, פארבעסערונגען, און מאדערנעזירונגען אדער איבערפרישונג פון קאמיוניטי צענטערן. די בקשה פאר אפליקאציעס (Request for Applications, RFA) איז ארויפגעשטעלט געווארן אויף dasny.org און parks.ny.gov.

די אפליקאציע תקופה פאר די NY BRICKS קאפיטל גרענט פראגראם וועט זיך עפענען אויף יוני 14, 2025, און אפליקאציעס מוזן ווערן אריינגעגעבן שפעטסטנס ביז אגוסט 15, 2025. אווארדס זענען ערווארטערט געמאלדן צו ווערן נישט פריער ווי נאוועמבער 1, 2025. אפליקאציעס וועלן ווערן אפגעשאצט אויף די פרטים פון א פראיעקט'ס געברויך, ווירקונג, און מעגליכקייט. NY BRICKS גרענטס וועלן פארלאנגען פון אפליקאנטן צו צושטעלן א 20 פראצענט מעטשינגביישטייערונג פאר די סך-הכל קאסט פון די פראיעקט. נישט-פאר-פראפיט ענטיטיס מוזן באקומען באשטעטיגטע פרי-קוואליפיקאציע סטאטוס אין די סטעיט-ברייטע פינאנציעלע סיסטעם (Statewide Financial System, SFS) פאר'ן אריינגעבן זייער אפליקאציע, און מוזן בלייבן פרי-קוואליפיצירט דורכאויס די איוספירונג פון די גרענט אויסטיילונג אפמאך (Grant Disbursement Agreement) און באצאלונג פון אלע פארלאנגען.

**דארמיטארי אטאריטעט פון די סטעיט פון ניו יארק (Dormitory Authority of the State of New York, DASNY) פרעזידענט און CEO Robert J. Rodriguez (ראבערט דשעי. ראדריגועז) האט געזאגט,** "DASNY איז שטאלץ צו פארטיילן NY BRICKS גרענטס וואס וועלן פארשטערקערן קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט. די אינוועסטירונגען אין קאמיוניטי צענטערן רעפרעזענטירן מער ווי בלויז בנינים — זיי זענען די יסודות פאר געזונטערער, מער פארבינדעטע געגנטער. מיר באדאנקען גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט צו פארזיכערן די קריטישע פינאנצירונג וואס וועט העלפן מוניסיפאליטעטן און נאן-פראפיטס שאפן ערטער וואו פאמיליעס און קאמיוניטיס קענען בליען."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטארישע פרעזערווירונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation) קאמישענער פראו טעמפאר Randy Simons (רענדי סימאנס) האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן פריאריטאזירן סטראטעגישע אינוועסטירונגען אין ניו יארקער'ס גייסטישע און פיזישע וואויל-זיין. די NY BRICKS פראגראם וועט צושטעלן מער אפציעס פאר ניו יארק פאמיליעס זיך אפצוהאקן פון די טאג טעגליכע שוועריגקייטן און אריינעמען מער געזונטע אקטיוויטעטן אין זייערע לעבנס. אונזער אגענטור קוקט ארויס צו ארבעטן מיט DASNY צו איינפירן די איניציאטיוו מיט קאמיוניטי מיטארבעטער לענגאויס די סטעיט און העלפן ניו יארקער הנאה האבן פון די אויפגעוויזענע בעניפיטן וואס קומען מיט מיט רונדע-דעם-יאר פארוויילונג און פיזישע אקטיוויטעט."

**סטעיט סענאטאר José Serrano (דשאזעי סערענאו) האט געזאגט,** "אלס די טשעיר פון די קאמיטעט אויף קאלטורישע אנגעלעגנהייטן, טוריזעם, פארקס און פארוויילונג (Committee on Cultural Affairs, Tourism, Parks and Recreation), בין איך א שטארקער גלויבער אז קאמיוניטי צענטערן דינען אלס א וועג צו פארבינדן איינער דער צווייטער און שטיצן פיזישע און גייסטישע וואויל-זיין. די NY BRICKS קאפיטאל גרענט פראגראם וועט העלפן אויסברייטערן שטארק-נויטיגע סערוויסעס פאר מענטשן אין אלע יארגענט אין די היינטיגע שנעל-פארנדע וועלט. מיין אמת'ער דאנק פאר גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול), די OPRHP, און DASNY פאר די טראנספארמירנדע, הויכע-אימפעקט אינוועסטירונגען אין אונזער קאמיוניטיס."

**גאווערנאר HOCHUL'ס (האקול) אויסשטעקן און שפילן איניציאטיוו**

די גאווערנער'ס נייע אויסשטעקן און שפיל איניציאטיוו דעזיגנירט 100 מיליאן דאלאר פאר די אויפבוי און רענאוואציע פון געמיינדע צענטערן דורך די בויען פארוויילונג אינפראסטרוקטור פאר געמיינדעס, קינדער און עלטערע ( Build Recreational Infrastructure for Communities, Kids and Seniors, NY BRICKS); 67.5 מיליאן דאלאר פאר די פלעצער פון לערנען, אקטיוויטעטן און יוגענט פארוויילונג (Places for Learning, Activity and Youth Socialization, NY PLAYS) העלפענדיג ניו יארק געמיינדעס אויפבויען נייע שפיל ערטער און רענאווירן עקזיסטירענדע שפיל ערטער; און נאך 90 מיליאן דאלאר פאר די פארזעצונג פון די סטעיטבררייטע אינוועסטירונג אין מער שווימען ( Statewide (Investment in More Swimming, NY SWIMS איניציאטיוו אריינגערעכנט 50 מיליאן דאלאר פאר א פארמעסטענדע גרענט פראגראם שטיצענדיג מוניציפאליטעטן אין די רענאווירונג און אויפבוי פון שווימען איינריכטונגען און 40 מיליאן דאלאר פאר אנדערע שווימען-באזירטע אינוועסטירונגן. אין צוגאב, "גיין אפפליין, גיין אינדרויסן" איז אן איניציאטיוו אנגעפאנגען דורך גאווארנער Hochul (האקול) צו שטיצן פיזישע און גייסטישע געזונטהייט דורכ'ן מוטיגן קינדער און פאמיליעס אראפצולייגן זייערע סקרינס, נעמען א פויזע פון סאשעל מידיע, און הנאה האבן פון פארוויילונג און דאס אינדרויסן, און לייגן זייער גייסטישע און פיזישע געזונטהייט ערשט.

די גאווערנאר'ס אפיס, NYS אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטארישע פרעזערווירונג (OPRHP) און DASNY זענען פארפליכטערט צו העלפן פאטענציאלע אפליקאנטן אנגרייטן אפליקאציעס זיך צו קענען גוט פארמעסטן. די אפענע אפליקאציע פראגע תקופה הויבט זיך אן אויף יוני 5, 2025, און אלע פראגעס מוזן אריינגעגעבן ווערן דורך די [SurveyMonkey](#) NY BRICKS [בויגן צו באקומען דא](#). א וועבינאר ווידיאו וועט ארויפגעשטעלט ווערן אויף די NYS OPRHP און DASNY BRICKS וועבזייטלעך ([www.parks.ny.gov](http://www.parks.ny.gov) און [www.dasny.org](http://www.dasny.org)) אויף יוני 25, 2025. די ווידיאו וועט אדרעסירן פראגעס ענטהאלטן ביז יוני 20, 2025, און איבערגיין די RFA אפליקאציע פראצעדור. פראגעס ענטהאלטן נאך וואס די ווידאו וועבינאר איז ארויפגעשטעלט געווארן אויף יוני 25, 2025, און פאר 3:00 p.m. אויף יוני 27, 2025 וועלן פארעפנטליך ווערן אויף די זעלבע וועבזייטלעך ביז יוני 11, 2025. איינצלהייטן אנבאלאנגט די אריינגעבונג פון פראגעס ווערן צוגעשטעלט אין די RFA און אויף די NYS OPRHP און DASNY וועבזייטלעך. אלע פאטענציאלע אפליקאנטן ווערן שטארק געמוטיגט צו איבערגיין די RFA, אריינגעבן געשריבענע פראגעס, און זעהן די וועבינאר וויבאלד די NY BRICKS גרענט אפליקאציע פראצעדור וועט ערקלערט ווערן אין די וועבינאר ווידיאו.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](#) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)